STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02982

A HOLEM FUN DER TSAYT

Peretz Hirschbein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א חלום פון דער צייט

פון

פרץ הירשביין

פינף בילדער:

יונגע וועגען
די זון געהט אויף
א חלום פון דער צייט
ווען כוואליעס שלאגען
אפריליגע נאכט

אידיש ליטעראַרישער פערלאַג.

ניו יאָרק

1919

יונגע וועגן

הערבסט, צווישען בערג און באוועלדערטע טאלען. אין דער טיף רוישט א טייך וואס קומט אן פון צווישען פעלזען און פארלירט זיך אהינטער בערג. ארום האלבען טאג. פון צייט צו צייט דערטראגט זיך אן אויסגעשריי פון ווילדע געננז, וואס ציהען אין לופטען, אויפ'ן וועג צו די ווארימע געגענדען.

שמעון

יונג און שטארק; ער קומט אן פון צווישען די בוימער און קלייבט זיך ארויף אויף א גרויסען שטיין... באטראכט די געגענד. פון ווייטען דערטראגט זיך א געזאנג פון א פרוי און שפעטער א הילכיגער געלעכטער.

יהודית

קומט אן, בויגיג און גרינג. שרייט: הא־הו, הא־הו, ווי זי וואלט אימיצען רופען.

שמעון

האט זי באמערקט; האלט זיך שטיל, זי זאל איהם ניט דערזעהען.

יהודית

וויל ארויפקלעטערען אויף דעם אייגענעם שטיין וואו ער איז. עס קומט איהר אן שווער. ער שטרעקט צו איהר אויס א האנט ניט באמערקטערייד נעהמט זי אן זיין האנט. דערשרעקט זיך און גליטשט זיך אראפ פון שטיין. בלייבט אונטען שטיל.

שמעון

זיך דערשראקען פאר אן אונבאקאנטער האנט?

יהודית

ווער ביסטו?

שמעון

באטראכט מיין האנט, זעהסט פינף פינגער ווי אין דיין האנט; קענסט איבערציילען.

י ה ו ד י ת

לאַכט

ש מ ע ו ן

וואָס, געפונען זעקס פינגער אין מיין האַנד? אַט וועל איך צו דיר אַראָפּהענגען מיין לינקע האַנט.

י ה ו ד י ת

כ'וויל זעהען דיין פּנים.

ש מ ע ו ן

קענסט זיך נאָך דערשרעקען פאַר מיין פּנים.

י ה ו ד י ת

וואָס פאַר אַ אויגען האָסטו?

ש מ ע ו ן

שוואַרץ און מיט אַ פייערל.

י ה ו ד י ת

וואָס ברענט אין דיינע אויגען?

ש מ ע ו ן

דער פאַרשפּעטיגטער זומער.

י ה ו ד י ת

בויג זיך אַראָפּ צו מיר.

ש מ ע ו ן

טוט עס

י ה ו ד י ת

קוקט אין זיין פּנים אַ ווײַלע און לאַכט זיך פאַנאַנדער.

ש מ ע ו ן

איך געפעל דיר ניט.

י ה ו ד י ת

שוין לאַנג אַזעלכע צופריעדענע אויגען ניט געזעהען.

ש מ ע ו ן

די בוימער אַרום האָבען אַ גאַנצען זומער געטרונקען פון דער זון און איצטער קוקט פון די בלעטער אַרויס די זוניגקייט.

יהודית

און דיינע אויגען ?

שמעון

כ'האָב זיך מיט די בוימער געחבר'ט, דאריבער.

יהודית

לאָז מיר נאָך אַ מאָל אין דיינע אויגען אריינקוקען.

שמעון

דער איינענער זומער קוקט אויך ארויס פון דיינע אויגען.

יהודית

וואו איז דיין שטוב ?

שמעון

היינט איז מיין היים אָט דאָ אויפ'ן שטיין.

יהודית

איך בין דאָ נעכטען אַ גאַנצען אָווענט געזעסען אויפ'ן שטיין.

שמעון

און איך האָב עס גאָר ניט געוואוסט !

יהודית

כ'האָב געטראַכט פון ווייטע לענדער און אין דער שטיל געוויינט.

שמעון

איך האָב געהערט.

יהודית

ס'קען ניט זיין. ווען איך וואָלט עס וויסען.

שמעון

פרויען וויינען אזוי פיעל און שעהמען זיך אלץ מיט זייערע טרערען.

יהודית

מיט טרערען דארף מען זיך באהאלטען.

שמעון

ווער האָט עס דיר אזוי געזאָגט ?

יהודית

מיין הארץ זאָגט מיר אזוי.

ש מ ע ו ן

וואו איז דיין היים? האסט דאך געווים ערגעץ דא א היים.

י ה ו ד י ת

מיין היים.... מיין היים — איצטער האט מיך דער ווינט אהער פארטראגען.

ש מ ע ו ן

אזוי, געהאט א היים און איצטער בענקט זיך אהין, כא—כא—כא, גאר קינדיש. וואו איז דיין היים? זאג.

י ה ו ד י ת

איצטער וויים איך ניט וואו עס איז מיין היים.

ש מ ע ו ן

ביסטו אויך פון יענער שיף, וואס איז אונטערגעגאנגען?

י ה ו ד י ת

איך האב יעמאלט געזעהען ווי דו האסט געהאלפען די מענשען זיך ראטעווען, דאריבער האב איך איצטער פאר דיר קיין מורא ניט.

ש מ ע ו ן

ביסטו דארט געווען?!

י ה ו ד י ת

יא.

ש מ ע ו ן

געווען גרוים די סכנה, און איך האב דיך ניט באמערקט.

י ה ו ד י ת

ביסט געווען פארנומען ראטעווענדיג די פרויען און די קינדער.

ש מ ע ו ן

און דו האסט צייט געהאט דאס צו באמערקען?

י ה ו ד י ת

כ'האב געקוקט ווי געצעהלטע מענער האבען ניט פארלוירען זייער מוט און רוהיג ארא פגעלאזען די שיפלאך — אזוי רוהיג אזוי זיכער! כ'האב געוואוסט, אז אין זייערע הענט איז אויך מיין

לעבען זיכער. כ'האָב געקוקט אויף דיינע שטאַרקע הענט, וואָס האָבען אויסגעזעהען ווי אייזערנע צוואַנגען.

ש מ ע ו ן

האַ — כאַ — כאַ! און איצטער האָסטו פאַר מיר מורא; מען האָט פאַר זיי אויפגעשלאָגעןביידלאַך הינטער'ן פישער־דאָרף — וואוינסטו דאָרט?

י ה ו ד י ת

דאָס קען איך דיר ניט זאָגען.

ש מ ע ו ן

איך האָב יעמאָלט ניט געוואָלט מיטגעהן מיט אייך אַלעמען.

י ה ו ד י ת

וואו האָסטו זיך באַזעצט?

ש מ ע ו ן

צווישען שטיינער. העכער, זעהען אַ גרעסערער געגענד.

י ה ו ד י ת

שלאָפסט אויף די שטיינער?

ש מ ע ו ן

יאָ.

י ה ו ד י ת

ניט קאַלט?

ש מ ע ו ן

ליכטיגע חלומות וואַרעמען מיין געלעגער.

י ה ו ד י ת

ליכטיגע חלומות? וואו זיינען זיי?

ש מ ע ו ן

אַרום דיר אַרום.

י ה ו ד י ת

זעהסט אויס ווי אַ וואַלד־מענש.

ש מ ע ו ן

קום אַרויף אויפ'ן שטיין וועסטו אַרויסזעהען דיין דאָרף, ביים טייך.

יהודית

איך וואוין נים אין דאָרף.

שמעון

נו, וואוינסטו ניט אין דאָרף; אָבער קום ארויף, אָט אזוי... גיב א האַנט... האַהאַ, דערקענט די האַנט?

יהודית

די אייגענע הענט —

שמעון

א גרויסע געגענד.

יהודית

א גרויסע געגענד.

שמעון

פאַר וואָס אזוי טרויעריג, אזוי אומרוהיג? די אויגען פאַרטרערט, דו טראַכסט גאָר פון אַנאַלטער היים ערגעץ?

יהודית

קען איך דען זיין אַנדערש? איך קלער פון מיין מאַמען, שוועס־טער, ברידער, ווער ווייסט וואָס פון זיי איז געוואָרען.

שמעון

אָדער זיי לעבען, אָדער זיי זיינען טויט.

יהודית

איז דיין האַרץ אזוי... אָדער אפשר מאַכסטו זיך נאָר אזוי?

שמעון

לאַכט.

יהודית

דערצעהל מיר פון דיין היים!

שמעון

כ'האָב דאָס וואָרט היים אויסגעמעקט פון מיין האַרצען.

יהודית

ניט אמת.

ש מ ע ו ן

גערענקסטו יעמאָלט ווען מ'האָט אונזער שיף אויפגעריסען; אַז יענעם טעמפּען גערויש אין דער טיף, אונטער אונזער שיף? יעמאָלט איז די וועלט אונטערגעגאנגען מיט מיין היים אינאיינעם.

י ה ו ד י ת

דאכט מיר, אַז איך האָב אויך אַזוי געפיהלט. אָבער מיין מאמע, מיינע שוועסטער און ברידער.

ש מ ע ו ן

אָדער זיי לעבען, אָדער זיי זיינען אויסגעשטאָרבען; ווער פון הונגער, ווער...

י ה ו ד י ת

כ'האָב דיך פיינט ווען דו רעדסט אַזוי
שפּרינגט אַראָפּ פון שטיין.

ש מ ע ו ן

כא — כא — כא!

י ה ו ד י ת

ווי קענסטו איצטער לאַכען אַזוי הויך?

ש מ ע ו ן

הערסט, אימיצער לאַכט מיט; דער ווידערקול אַהינטער די בערג, כא — כא — כא, הערסט?

י ה ו ד י ת

דאָס לאַכען שטיינער מיט פאַרשטיינערטע הערצער.

ש מ ע ו ן

פאַרוואָס האָסטו זיך ניט באַזעצט צווישען די שטיינער, ס'וואָלט דיין הארץ אויך אַזוי געווען.

י ה ו ד י ת

איך וויל מיין הארץ זאָל זיין צאַרט.

ש מ ע ו ן

לאַך, וועסטו הערען ווי די שטיינער וועלען דיר ענטפערען. ס'איז דער מענש אַ ברודער צו די שטיינער — לאַך!

י ה ו ד י ת

כ'האָב פאַרגעסען ווי מען לאַכט.

ש מ ע ו ן

וועמעס געלעכטער האָב איך פריהער געהערט ?

י ה ו ד י ת

ווען ?

ש מ ע ו ן

אַ ווײַלע פריהער האָב איך דײַן געלעכטער געהערט.

י ה ו ד י ת

האַ ?

ש מ ע ו ן

וואָס ביסטו געוואָרען אַזוי בלאַס ?

י ה ו ד י ת

מיר פאַרדריסט, וואָס כ'האָב זיך באַגעגענט מיט דיר.

ש מ ע ו ן

מיר ניט.

י ה ו ד י ת

ווייסט ניט וואו איך וואוין. מיינסט, אַז אין די ביידלעך הינטערן דאָרף ?

ש מ ע ו ן

איך וועל שוין אויסגעפינען וואו דײַן היים איז.

י ה ו ד י ת

און וועסט קומען צו מיר ?

ש מ ע ו ן

ווי דו פערלאַנגסט.

י ה ו ד י ת

איך וויל ניט, דו זאָלסט קומען צו מיר.

ש מ ע ו ן

קענסט עס ניט פאַרלייקענען. און דו ווילסט עס ניט פאַרלוי־ סענען.

י ה ו ד י ת

איך האָב מורא.

ש מ ע ו ן

מורא קען מען בייקומען. ווילסט איך זאָל דיך אָפּפיהרען אהיים ?

י ה ו ד י ת

איך וויל ניט זאָלסט וויסען דעם וועג צו מיר.

ש מ ע ו ן

וואָס מעהר דו וועסט פאַרבאָטען אלץ שטאַרקער וועט ווערען מיין חשק דיך אויפצוזוכען.

י ה ו ד י ת

ווען איך וואָלט זיך געקענט אריינקלייבען צו דיר אין הארצען און ארויסטרייבען פון דאָרט דעם טייוועל, וואָס האָט זיך אין דיין הארצען באזעצט.

ש מ ע ו ן

אז דו וועסט זיך אריינקלייבען צו מיר אין הארצען וועסטו ניט טרעפען דעם וועג צוריק.

י ה ו ד י ת

פאַרמאַך די אויגען זאָלסט ניט זעהן וואוהין איך געה.

ש מ ע ו ן

מיט פאַרמאַכטע אויגען וועל איך דערקענען דיינע טריט. האָסט געזעהן ווי א הונט דערשמעקט א מענשען נאָך זיינע טריט ?

י ה ו ד י ת

כ'וועל נאָך היינט זיך ארויסקלייבען פון דעם אָרט וואו איך וואוין.

ש מ ע ו ן

קום וועל איך דיר באווייזען מייןביידעל וואָס כ'האָב מיר אויפגעמאַכט פון צווייגען אין גראָז־ערד און ווייכע, צאַרטע שטיינער.

י ה ו ד י ת

פאַרמאַך די אויגען ; כ'וויל שוין געהן.

ש מ ע ו ן

וועל איך הערען דיינע טריט.

יהודית

כ'וועל אוועקגעהען אזוי שטיל דו זאָלסט גאָר ניט הערען.

שמעון

ווי קינדיש דו ביזט! ס'הערט דער מאַן פון וויטען די טריט פון די פרוי; און וואָס שטילער איהרע טריט, אַלץ שטארקער רוישט אין איהם זיין בלוט.

יהודית

דערצעהל ניט פון דעם.

שמעון

איך דערצעהל דיר פון דעם וואָס דו ווייסט אליין. דיר וועט זיין אומעטיג צו געהן אליין און טראַכטען אגאנצען וועג פון א מאַן וואָס א הארץ פון א שטיין.

יהודית

ווי איז דיין נאָמען?

שמעון

שמעון איז מיין נאָמען.

יהודית

מיין נאָמען איז יהודית.

שמעון

וואָס האסטו געטאָן? ס'וועט דיין נאָמען איצטער נעבען מיר שווין בלייבען; נעבען מיר אויפ'ן שטיין... א, געה נאָך ניט אוועק.

יהודית

קוק ניט וואו איך געה.

שמעון

וועסט מיר מאָרגען קומען אנטקעגען.

יהודית

ניין, ניין.

שמעון

וועסט אויף מיר ווארטען, ווי פריה איך זאָל ניט קומען.

י ה ו ד י ת

ניין, ניין...

זי לויפט אוועק אין איין געלויף בארג אראפ.

ש מ ע ו ן

באגלייט איהרע טריט מיט א הילכיגען געלעכטער, אויפ'ן שטיין זיצענדיג. ס'ענטפערט דער ווידערקול.

די זון געהט אויף

אַביידעל אין טאָל ביים ברעג טייך. פון ווייטען זעהט מען אַרוים פישער־הייזלאך. נעבען די הייזלאך טריקע־נען זיך נעצען. סאיז נאָך גאנץ פריה. דער הימעל אין מזרח הויבט זיך אָן צו רויטלען.

יהודית

קומט אָן געשווינד פון צווישען די בוימער איינגעוויקעלט אין אַ ליינטער טוך. קוקט זיך אַרום אויפגערעגט. קוקט א ווייל פאַרטראַכ־טערייד צום מזרח־הימעל. נעמט אַרוים פון אונטער דער טוך פעלד־בלומען און שיט זיי אויס פאַר'ן שוועל פון ביידעל. באַטראַכט אַ ווייל איהר אַרבייט און אזוי קוקענדיג צום מזרח־הימעל, געהט זי אריין אין ביידעל.

שמעון

קומט אָן גאנץ פאַרזיכטיג פון צווישען די פעלזען און לאָזט זיך אַראָפּ נידעריגער צום ביידעל צו. באַמערקט די בלומען ביים שוועל. הויבט אויף פון דער ערד אַ צוויי בלומען און שמעקט זיי. בייגט זיין קאָפּ צום טיר און רופט.

יהודית

עפענט עטוואָס די טיר און מאַכט זי שנעל צוריק.

שמעון

די זון געהט אויף.

יהודית

פון טיר.

איך האָב געבעטען זאָלסט ניט נאָכקוקען מיינע טריט.

שמעון

ס'הארץ האָט מיך גלייך געפיהרט.

י ה ו ד י ת

ס'הארץ פיהרט דיך אויף א שלעכטען וועג.

ש מ ע ו ן

דער ריכטיגער וועג, מיט פרישע בלומען בארעקט.

י ה ו ד י ת

בלומען קענען פארפיהרען.

ש מ ע ו ן

די שענקייטען פון דער ערד האבען מיך קיין מאל ניט פערפיהרט.

י ה ו ד י ת

וואס ביסטו געקומען אזוי פריה ?

ש מ ע ו ן

ס'האט דער מארגען־שטערען געזונגען : געה, אימיצערווארט אויף דיר.

י ה ו ד י ת

אימיצער אבער ניט איך.

ש מ ע ו ן

דו האסט די בלומען אויסגעשאטען פאר'ן שוועל.

י ה ו ד י ת

איך האב עס געטאן.

ש מ ע ו ן

פאר וועמעס וועגען ?

י ה ו ד י ת

פאר'ן ליכטיגען טאג וועגען.

ש מ ע ו ן

און איך בין ארויסגעקומען דעם ליכטיגען טאג צו באגעגענען.

י ה ו ד י ת

איך וויל ארויסגעהען זעהן ווי די זון געהט אויף.

ש מ ע ו ן

פלאץ פאראן אונטערן הימעל פאר אונז ביידען.

יהודית

באַווייזט זיך אין טיר.

לאָז מיך אָנקוקען דיין פּנים, ווי זעהסטו אויס ביים זונענאויפ־גאַנג.

שמעון

היינטיגער טאָג וועט זיין ליכטיגער ווי שטענדיג, ווען מיר וועלען פארקניפּען צוויי זונען אינאיינעם.

יהודית

א איך וועל מיין זון קיינעם ניט אוועקשענקען.

שמעון

קום שנעלער ארויס, די זון קען זיך ניט מעהר אויפהאַלטען הינ־טערן וואָלקען.

יהודית

באַפויל, די זון זאָל וואַרטען ביז כ'וועל ארויסקומען.

שמעון

לאַכט הילכיג.

יהודית

וואָס לאַכסטו אַזוי?

שמעון

כאַפּט זי אַרום.

אז כ'וועל דיך אָט אַזוי אין מיינע אָרימס... וועט די זון נאָך העלער אויפגעהען.

יהודית

לאָז מיך אָפּ.

שמעון

ביסט פערשלאָפען; פון א גאַנצער נאַכט ניט שלאָפען.

יהודית

איך בין געוועזען וואַך, אָבער ניט אויף דיר האָב איך געוואַרט.

שמעון

באַדאַרף איך צוהערען צו דיינע רייד — ווען איך הער ווי דיין

הארץ קלאפט, נאריש קינד? לאמיר זיך זעצען ביים שוועל און קוקען לאנג צו מזרח זייט. אונזער טאג ווערט איצט געבוירען!

יהודית

לאז אפ מיין האנט. לאז מיך פריי...

שמעון

דו האלסט מיין האנט.

יהודית

זעה דעם צייכען פון דיינע פינגער אויף מיין האנט.

שמעון

ס'ווערט די וועלט פול מיט פרייד ווי ס'הארץ פון א מוטער ווען איהר קינד איז אויף דער וועלט געקומען.

יהודית

די זון!

שמעון

הא—הא, די זון!

שווייגעןביידע קוקענדיג צום זונענאויפגאנג.

יהודית

א, ווי די טרערען קומען שוין ווידער אן.

שמעון

פאראן טרערען וואס זיינען ווי דער טוי פון פריהמארגען.

יהודית

די וועלט איז אזוי גרויס און כ'קען זי ניט ארומנעהמען.

שמעון

אין הארצען איז גענוג פלאץ פאראן פאר דער וועלט מיט אלע איהרע גרויסקייטען.

יהודית

נעהמט ארום זיין קאפ מיט צארטליכקייט.

גוט האסטו געטהאן וואס דו ביזט געקומען אהער.

שמעון

דו האסט געווארט אויף מיר.

י ה ו ד י ת

איך האָב די בלומען אויסגעשאָטען ביים שוועל. ס'איז נאָך פינס־טער געווען ווען איך האָב זיי געקליבען. זיי זיינען געשלאָפען באַדעקט מיט טוי ווען כ'האָב זיי אָפּגעריסען... זעה ווי דער טייך האָט זיך אָנגעצינדען, ער טראָגט מיט זיך אַוועק אַ שטיק פון פריה־מאָרגען. דאָס נעהמט ער ביי אונז אונזער טאָג צו.

ש מ ע ו ן

פאַר איהם שיינט דער טאָג באַזונדער.

ש מ ע ו ן

יאָ, פאַר איהם שיינט דער טאָג אַזוי שעהן ווי פאַר אונז.

ש מ ע ו ן

לאָמיר געהן פון דאַנען.

י ה ו ד י ת

וואוהין ?

ש מ ע ו ן

העכער לאָמיר זיך ארויפקלייבען. איך וועל מאַכען צייכענס דו זאָלסט דערקענען דעם וועג וואָס פיהרט צו מיר.

י ה ו ד י ת

האָסט אפילו אין מיין היים ניט אריינגעקוקט און שוין ווילסטו איך זאָל מיט דיר געהן.

ש מ ע ו ן

דיין היים איז די גאַנצע געגענד.

י ה ו ד י ת

אָבער זעה.

ש מ ע ו ן

וואָס קען איך דאָרט זעהן ? ענגע לייוועכטענע ווענט. כאָטש לייוועכט אָבער דאָך ווענט.

י ה ו ד י ת

מיין בעט איז פאַרבעט.

ש מ ע ו ן

ווי קינדיש דו ביסט.

י ה ו ד י ת

קענסט דאָך דערשמעקען די טריט ווי א הונד; נו, געה דערשפיר מיינע טריט. וואו בין איך געווען היינטיגע נאכט?

ש מ ע ו ן

זוך וועסטו דערקענען נעבען דיינע טריט מיינע פארצייכענט.

י ה ו ד י ת

מאַך, אז דער זומער זאָל זיך אומקערען צוריק און די בלעטער ארום זאָלען ווערען יונג ווי אין פרילינג.

ש מ ע ו ן

און וואָס נאָך וואָלסטו פארלאנגען פון מיר?

י ה ו ד י ת

דו זאָלסט ווערען א קליין קינד און איך זאָל זיין דיין מוטער.

ש מ ע ו ן

דו ווילסט איך זאָל זיין דער מאַן און דו די פרוי.

י ה ו ד י ת

אָבער שווייג.

ש מ ע ו ן

ווי עס צאַפּעלט זיך דיין ברוסט אין מיינע אָרעמס!... אָ, מיין ליכטיגער טאָג!

י ה ו ד י ת

עפען פאַר מיר ניט אויף אזא פרעמדע וועלט, כ'וועל אפשר באלד אָנהויבען צו וויינען.

ש מ ע ו ן

זאָל די ערד אונטער אונז איינזינקען וועלען מיר אין לופטען בלייבען זיכערער ווי אויף דער ערד.

י ה ו ד י ת

ווער האָט אויפגעוועקט אין דיר אזוי פיעל גבורה?

ש מ ע ו ן

דו, דו מיין גרויסע וועלט !

שטיל.

י ה ו ד י ת

זעה, ווילדע גענז האָבען זיך אראָפּגעלאָזען צום וואסער.

ש מ ע ו ן

זיי האָבען זיך געקליבען אוועקצופליהען צו די ווארימע לענדער און איצטער ווע׳לען זיי דאָ מיט אונז פערבלייבען.

י ה ו ד י ת

מיינסטו אזוי ?

ש מ ע ו ן

זיי האָבען דערשפּירט דעם זומער ארום אונז.

י ה ו ד י ת

זיי האָבען דערשפּירט דעם פרילינג ארום אונז.

ש מ ע ו ן

עס ווע׳לען זיך נאָך היינט ביי נאכט די הימ׳לען אראָפּלאָזען און מיר ווע׳לעןביידע קלייבען די שטערען.

י ה ו ד י ת

פארוואָס קלאפּט אזוי מיין הארץ ? איז עס פאר שרעק ?

ש מ ע ו ן

אפשר שרעק.

י ה ו ד י ת

ניין, ס'איז ניט קיין שרעק. טרויער און פרייד האָבען זיך באגע־גענט אין מיין הארץ.

ש מ ע ו ן

טרויער ?

י ה ו ד י ת

אך, ווען איך וואָלט געקענט אהער אריבערברענגען מיין אלטע היים ; מיין מאַמען, מיינע ברידער, מיינע שוועסטער. ווי אזוי זעהט איצטער אויס יענע ערד וואו כ'האָב זיי איבערגעלאָזען ?

ש מ ע ו ן

מיט ווילדע דערנער באוואקסען, איינגעוויקעלט אין טרויער.

י ה ו ד י ת

איז דאָרט די זון ניט אויפגעגאנגען?

ש מ ע ו ן

ניט געווען פאר וועמען. די זון שיינט נאָר פאר די וואָס ווארטען אויף איהר אויפגאנג.

י ה ו ד י ת

אזוי טרויעריג...

ש מ ע ו ן

ווילסט איך זאָל זיין דיין קינד און דו וועסט זיין א מאמע וואָס וועט מיט טרערען וואשען מיינע באקען.

י ה ו ד י ת

מאָך אזוי, איך זאָל שטארבען און געבוירען ווערען אויפסניי נאָר אָן אנדערע.

ש מ ע ו ן

נאָך נעכטען איז עס געשעהן. ווען דו ביזט געלאָפּען בארג אראָפּ בארג ארויף אנצטלויפענדיג פון מיר, דו ביסט געלאָפען פון דיין אלטער טרויעריגער וועלט.

י ה ו ד י ת

ס'איז שעהן.

ש מ ע ו ן

ס'איז מיין שיף צובראָכען געוואָרען; ס'איז דיין שיף צובראָכען געוואָרען, אָבער די ערד האָט זיך ארויסגעהויבען און אויף איהרע אָרעמס אונז ביידען ארויפגענומען.

י ה ו ד י ת

ס'איז שעהן.

ש מ ע ו ן

זעהסט דעם פעלז דאָרט ווי ער קוקט ארויס פון צווישען די זוניגע

בוימער ארוים און דער שניי ווי ער בלאנקט אויף זיין קאפ?
אזוי זעהסטו איצטער אויס אין מיינע אויגען.

יהודית

וואלט איך אזוי שטארק געוועז!

שמעון

דיין הארץ ברענט אין דיין אייגענעם פייער און אויף דיין קאפ...
אך, אויף דיין קאפ שיינט די זון.

יהודית

ווער ביסטו?

שמעון

כא־כא־כא, די וועלט האט אונז געשיקט וואנדערען אויף איה־
רע שיפען און מחבלים געשיקט אונזער שיף אומצוברענגען.
אבער מיר געהען דעם לעבען אנטקעגען.

יהודית

האסטו א מאמען?

שמעון

לאכט.

יהודית

לאכסט... ווען איך וואלט געוואוסט ווי דיין מאמע האט אויסגעזעהן
וואלט איך אפשר פאר דיר אזוי קיין מורא ניט געהאט. ווי איז
געוועזן דיין מאמע?

שמעון

ווי יעדע מאמע.

יהודית

וואס פאר א אויגען האט זי געהאט?

שמעון

קוק אין מיינע אויגען וועסטו וויסען.

יהודית

זיי זיינען בלויע... ניין, זיי זיינען ניט בלוי; די זוניגע געגענד

שפּינגעלט זיך איצטער אָפּ אין זיי. זיי בייטען אַלע ווײַלע זייער קאָליר.

שמעון

איצטער ביסטו שוין רוהיג ?

יהודית

די זון האָט זיך שוין הויך אַרויפגעהויבען איבער די בערג, זי וועט באַלד אנהויבען שמעלצען דעם שניי אויף זייערע שפּיצען.

שמעון

איך הער שוין דעם גערויש פון די וואַסערפאַלען אין די בערג.

יהודית

מיר רוישט אַזוי מיין קאָפּ... זעהסט, די פישער זיינען שוין אויפגעשטאַנען.

שמעון

זיי קענען דיך ?

יהודית

יאַ, זיי קענען מיך. זיי וועלען באַמערקען אַ פרעמדען מענשען. אַז זיי וועלען קומען פרעגען ווער דו ביזט ?

שמעון

זאָג, אַז איך בין געקומען אויסכאַפּען די גאַנצע פיש פון טייך.

יהודית

בלייב דו אין דרויסען און איך וועל אַריינגעהן צו מיר.

שמעון

די זון באַהאַלט זיך הינטער אַ וואָלקען !

יהודית

וואַרט, נאָך וואַרט.

שמעון

די פישער געהען שוין אַהער... כאַ—כאַ—כאַ.

יהודית

קומט אַרויס, קוקט איהם אַ ווײַלע אָן שוויגענדיג, ליידענשאַפטליך

האַלט זי איהם פאַר ביידע הענט, שעפּטשעט:
ניין, מעהר וועסטו מיינע טריט ניט דערשמעקען.
אַנטלויפט צו די בערג

שמעון

קוקט איהר נאָך.

אַ חלום פון דער צייט

נאַכט. פון ווייטען בלייבען זיך די פאַרשנייטע בערג שפּיצען ווי זיי שניידען זיך אין די הימלען אריין. פון נאַכט ארויס הויבען זיך ביסלעכווייז אָן צו דערנעהענטערען אָפּקלאַנגען פון אַלערליי שטימען. דאַכט זיך געזאַנג. דאַכט זיך געשרייען נאָך הילף. דאַכט זיך פרייד אויסגעשרייען און ווידער געוויין און יסורים־קרעכצען. באַלד אָבער ווערען אַנדערע שטימעס קלאָר און מען הערט:

א מוטער־שטימע

קלינגט דורך טרערען.

וואו איז מיין קינד? גאָט מיין, גרויסער גאָט, וואו איז מיין קינד?

א שטימע

פון ווייטען קינדיש, בעט רחמים.

איך קען צו דיר ניט קומען. איך בין שוואַך, איך בין קראַנק.

מוטער־שטימע

קינד מיינס, וואו ביסטו, כ'וויים ניט וואו דיך צו זוכען. אט הער איך דיין קול פון מזרח־זייט און אָט ווידער פון מערב־זייט. — וואו ביסטו?

קינד

אין א גרוב... לעבעדיגערייד באַגראָבען... איין האַנט דערלאַנג מיר וועל איך זיך קענען פון גרוב אויפהויבען.

מוטער

אָט לויף איך צו דיר, מיין קינד. שטאַרק זיך, מיין קינד, ביז איך וועל קומען צו דיר.

איהר קול פאַרשטומט אין דער ווייטקייט.

פ ר ו י ע ן

פון דער נאַכט ארוים קומען זיי אָן, לייכטע פרויען־פיגורען אין ווייטען. האַלטען זיך האַנט אין האַנט געשלאָסען אין אַ קייט פון טענ־צערינס. שליסען זיך איין אין אַ ראָד, טאַנצענדיג אין קאַראַהאָד, מיט אַזאַ געהיימניספול און איינגעהאלטענעם — האַ־האַ—האַ־האַ, האַ־האַ, וויגען זיי זיך אין דער נאַכט. צושיטען זיך באַזונדער אין פאַרע־נוויז טאַנצען זיי יעדער אַליין פאַר זיך. די פאַרען בייטען זיך. ציהען זיך ווידער אויס אין איין לאַנגער, ווייסער דורכזיכטיגער קייט און ציהען זיך אזוי אַוועק אין דער נאַכט אַריין.

א י מ י צ ע ר

קריכט אויף אַלע פיער. מען הערט ווי ער ווערט געשטרויכעלט און קרעכצט ביטער שטרויכלענדיג. באַלד הערט מען אַ טיעפע מענער־שטימע רעדט מיט גרויס וועהטאַג.

אזוי וועל איך אין דער פינסטערער נאכט אויף אלע־פיער קריכען ביז מיין לייב וועט פון די שפּיציגע שטיינער ווערען צוהאקט. טראַפּענווייז וועט מיין בלוט אויסרינען. וועל איך מעהר ניט הערען די זיפצען פון דער וועלט; שטאַרקער שטראָם ארוים מיין בלוט! שטאַרקער שטראָם ארוים מיין כח...

די שטימע ווערט פאַרטויבט פון אַ צאַל ווייטע קולות וואָס דער־נאָהענטערען זיך מיט ליארעם און געפילדער — ווי פון אַ ווילדע האַרגיע אַרוים.

א מ ע נ ע ר ־ ש ט י מ ע

שרייט אַלעמען איבער מיט אַ געוואַלדיגען כח.

אַ, מענשען! וואוהין פיהרט איהר מיך?! וואָס מאכט איהר א לוסטיגע שפּיעל פון מיין טויט? פיהרט מיך ניט אין וואלד, אין דער שטיל... פיהרט מיך ארוים אויפ'ן מאַרק, אויף אייער מארק פיהרט מיך ארוים! צורייסט מיין לייב אויף שטיקער! מיט אייערע נעגעל צורייסט מיין לייב און טרינקט מיין בלוט; פרעסט אויף מיין פלייש! וועט איהר שטום ווערען, וועט א ווילדע פעל אויף אייך אנוואַקסען און מיין בלוט וועט פון

אייערע אויגען שפריצען... האַ־האַ — איהר זענט שטום... האַ־האַ־האַ איך הער אייערע נעגעל... אייערע ציינער... האַ־האַ, אַט אַזוי...

ס'ווערט אויף אַ ווײַלע שטיל. באַלד ציטערט אויף די נאַכט פון אַ ווייטען בלאָזען אָפּשיין, און מען קען מיינען, אַז אַלץ ארום איז פול מיט ליכטיגע ווערזענס וואָס שוועבען אום אין די רוימען. עס דאַכט זיך אַז די בערג אַרום ציטערען און וויגען זיך אין בלאָהען שיין. דאַכט זיך ווי קינדער וואַלטען געזונגען:

האַ־יאַ — האַ־יאַ, פרייד מיין פרייד

האַ־יאַ — האַ־יאַ, פרייד מיין פרייד...

די שורה ליכטיגע טענצעריגס שלייכען זיך ווידער פון דער נאַכט ארויס און שליסען זיך אין אַ רינג און טאַנצען אַזוי שטיל איינגעהאַל־טען. הייבט איינע אָן צו זינגען:

האַ־יאַ — האַ־יאַ, פרייד מיין פרייד...

און אַלע כאַפּען אונטער אין אַ שטילען כאָר טאַנצענדיג:

האַ־יאַ — האַ־יאַ, פרייד מיין פרייד...

זיי זעצען זיך אַלע אוים אין אַ קאַראַהאַד און אין איהם באַווייזען זיך צוויי קינדער.

ערשטע קינד

ס'איז מיין מאַמע אוועק אין הימעל אריין און קלייבט פאַר מיר שטערענדלעך אין איהר שירץ.

צווייטע קינד

ס'איז מיין מאַמע אוועק אין הימעל צו ברענגען מילך פאַר איהר קינד.

ערשטע קינד

ס'איז מיין שוועסטער אוועק אין הימעל אריין, זי וועט מיין מאַמען ברענגען צוריק.

צווייטע קינד

ס'איז מיין שוועסטער אוועק אין הימעל און קען דער מאַמען ניט געפינען.

די טענצערינס

הויבען זיך אויף און שאַ און שטיל פאַרשווינדט יעדע אין אַ אַנדערע זייט לאַזענדיג די קינדערלאַך אַליין.

ערשטע קינד

כ'האָב אַ זיסען פינגערעל זוויג איך איהם בין איך מעהר ניט הונ־געריג.

צווייטע קינד

ווארט, מיין מאַמע וועט קומען מיט מילך וועל איך דיר אַ פלע־שעלע אָנגיסען.

ערשטע קינד

מיין פינגערעל איז זיס, האָב איך ניט קיין כח איהם צו זויגען.

צווייטע קינד

אַז מיין שוועסטער וועט קומען מיט מיין מאַמען צוריק...

הויבט אָן וויינען.

ערשטע קינד

וויין ניט, וויין ניט, נאַ דיר מיין זיס פינגערעל, ...אַ... און...

צווייטע קינד

ס'איז אזוי אין מויל מיר טרוקען; ס'איז מיר אַזוי מיין צונג טוט וועה.

ערשטע קינד

אַז איך וועל זעהען אַ קיהעלע וועל איך זאָגען: קיהעלע, קיהעלע, גיב מיר מילך און איך האָב אַ זיס פינגערעל... נאַ דיר עס אַוועק...

הויבט אָן שטיל צו וויינען.

אַ שטימע

פון אַן אַלטער פרוי. דערנעהנטערט זיך.

ווער וויינט עס, האַ? קינדערלעך שעהנענקע; פויגעלעך מיינע, הונגעריגע, אין טאָל געהט אַרום אַ קיהעלע מיט אַ גרויסען היי־טער, וועל איך פאַר אייך מילך אָנמעלקען. קומט קינדערלעך. קומט טייערע, אין טאָל איז דאָ אַ וואַסער וועל איך אייך אויס־באָדען; קומט קינדערלעך וועל איך אייך צוואַגען...

שטיל די קינדערלאַך פאַרשווינדען.

אַ גּעלעכטער

פון אַ פעסטער מענער־ברוסט דערנעהענטערט זיך. אַזאַ מין ביטערער געלעכטער מיט אַזוי פיעל האַס! דעם געלעכטער בגלייטען ווערטער:

כאַ—כאַ—כאַ, אָהן הענט, אָהן פיס, קייקעל איך מיר איבער דער ערד. כאַ — כאַ. לעבען און כח אין מיין ברוסט; לעבען און כח אין מיין נאַקען — קייקעל איך מיר איבער דער ערד... איך פיהל נאָך אָבער מיינע הענט, שטאַרק ווי שטאַבעס אייזען. קום, דו פרוי און שליס זיך איין אין מיינע אָרעמס — שליס זיך איין אין מיינע לענדען — שטאַרקע שטאַבעס שטאָל... כאַ — כאַ — כאַ אַ דור ניט איינעם קענסטו נאָך האָבען פון מיר... כאַ — כאַ, אָהן הענט, אָהן פיס, אַ קלאָץ ארומגעהאַקט און ארויסגעשלייי־דערט אויפ'ן מאַרק, כאַ — כאַ, איך פיהל דאָך מיינע הענט. איך שפיר דאָך מיינע פיס. כאַ, איך מאַך אַ פויסט איז ער שטאַרק ווי פעלז. כאַ, כאַ, עס שפרייזען מיינע פיס נאָך פעסט אויף דער ערד! כאַ—כאַ, די וועלט איז בלינד און זעהט ניט; קום דו פרוי אין מיינע אָרעמס. כאַ—כאַ—כאַ.

אַ ווידער־קול ענטפערט אָפּ דעם ווילדען געלעכטער. ס'ווערט שטיל.

שטימען

שכור'ע, מענער, פרויען שטימע... דערנעהנטערט זיך. ווי די צונג זאָל זיך שווער דרייען פון שכרות אַזוי איז די רייד פון די מענער און פון די פרויען. וואָס נאָהנטער זיי קומען אַלץ קלערער הערט זיך דער שמועס:

מאַן

איך האָב ליעב די וועלט זאָל ברענען... ברענען... אַך מיין בלוט...

פרוי

...ע — די וועלט געוועזן פאַרנומען — ע, די שמאַטעס פון מיין לייב אראָפּגעריסען. נאַקעט. כאַ—כאַ—כאַ, מענשען פאַרנומען; שניידען איינער דעם אנדערענס קאָפּ. כאַ—כאַ—כאַ, אָן מיר גאָר ניט פאַרגעסען.

צווייטער

אהן די שמאטעס ביסטו — דו; אהן די שמאטעס...

פרוי

אט אזוי, מען רייסט ביי דער וועלט די צונג; מיט א שארפען אייזענשפיץ גלייך אין קאפ... קייקעלט זיך דער מענש אין זיין קלעפיג בלוט...

ערשטער

יעמאלט, כא ברענט דער פייער אין מיין בלוט. וואלסטו נאקעט שטענדיג אומגעגאנגען וואלט די וועלט שוין לאנג געווען פאר־ברענט... פיהר מיך, איך קען אויף די פיס ניט שטעהען.

פרוי

...פאל! כ'וועל איבער דיר אריבערגעהען.

מאן

א, דו טרעטסט צו שטארק. א, טרעט ניט אויף מיין פנים!

פרוי

מיינע טריט וואס האסט שטענדיג נאכגעשפירט.

מאן

הא... ס'פלייצט דאס בלוט איבער'ן פנים.

פרוי

נאריש איז דיין פנים איצטער. האסט זיך אנגעשיכור'ט מיט מיין בלוט, איצטער פארב איך דיר דיין פנים מיט דיין אייגען בלוט. ס'האט דיין ברודער, מאן ווי דו, דיך ניט געפונגען מיט זיין שפיז... האסט דיין קאפ באהאלטען אין דער פינסטער... מיך ארומגעזוכט; האסט מיין נאקעט לייב דערשמעקט.. כא—כא—כא,

איהר ווילדער משוגענער געלעכטער צוקייקעלט זיך, אין דער נאכט. דער ווידערקול ענטפערט פון אלע זייטען... פון דער ווייטענס דערהערט זיך דער ווידערקול פון דעם פריהערדיגען מענערשען געלעכטער. א ווילע שטיל.

די טענצערינס

קומען ווידער אן אין א לאנגער קייט אויסגעצויגען; שפיל,

זאַנפט און איינגעהאַלטען זינגט פריהער איינע:

ביים ליכט פון טאָג
ווער איך געבוירען
האָ יאַ — האָ יאַ פרייד מיין פרייד...

ד ע ר כ אָ ר

ענטפערט:

טאָג, אַ טאָג
ער ווערט געבוירען
האָ יאַ — האָ יאַ פרייד מיין פרייד

ע ר ש ט ע

זינגט ווי פריהער.

ביים ליכט פון טאָג
זוך איך מיין טאָג
האָ יאַ — האָ יאַ פרייד מיין פרייד

ד ע ר כ אָ ר:

קום אנטקעגען
טאָג, אַ טאָג
האָ יאַ — האָ יאַ פרייד מיין פרייד

מיט אַ שטילען איינגעהאַלטענעם האַ־האַ, האַ־האַ־האַ — אויסגע־שריי... טאַנצען זיי נאָך א ווײַלע אין קאַראהאָד. דער רינג ווערט צו־שאָטען און זיי צולויפען זיך יעדערע אין אַנאַנדער זייט. ס'ווערט צו ביסלעך ליכטיגער אין מזרח הימעל. די ליכט ציטערט בלאַס איבער דער גאַנצער געגענד. אַ ווינט טראָגט זיך דורך צווישען די בלעטער. דאָ און דאָרטען כאַפּט זיך אויף אַ פויגעל און הויבט אָן צו פּיפּסען און געהט צו ביסלעך איבער אין געזאַנג צום פריהמאָרגען. ס'ווערט נאָך העלער ארום און מען קען דערקענען ווי י ה ו ד י ת ליגט נעבען אַ גרויסען שטיין, איינגעוויקעלט אין אַ טוך און ציטערט פון קעלט.

י ה ו ד י ת

הויבט אויף דעם קאָפּ און קוקט מיט בענקשאַפט צום הימעל, שעפּטשעט:

אָ, פאַר וואָס קומט ער ניט ? וואָס זאמט ער זיך אַזוי לאַנג ?

אַ קינד באַוויזט זיך, האָט אַ ווייס בלומעלע אין האַנט. קוקט יהודית׳ן אין פּנים.

י ה ו ד י ת

פאַרוואונדערט.

פון וואַנען ביסטו געקומען?

ד אָ ס ק י נ ד

באַווייזט צום זונענאויפגאַנג.

פון דאָרט בין איך געקומען.

י ה ו ד י ת

וואו איז דיין מאַמע ?

ד אָ ס ק י נ ד

מיין מאַמע איז אין הימעל.

י ה ו ד י ת

ווער האָט עס דיר געזאָגט ?

ד אָ ס ק י נ ד

איך ווייס... איך ווייס.

י ה ו ד י ת

וואו איז דיין שוועסטערעל ?

ד אָ ס ק י נ ד

מיין שוועסטערעל איז אַוועק צו דער מאַמען.

י ה ו ד י ת

פאַר וועמען איז דאָס בלימעלע?

ד אָ ס ק י נ ד

פאַר דיר, זאָלסט ניט וויינען.

י ה ו ד י ת

צוליעב דיין שוועסטערעל האָב איך געוויינט.

ד אָ ס ק י נ ד

וויין ניט מעהר. מיין שוועסטערעל איז שוין אַוועק צו דער מאַמען; היינט ביינאַכט וועל איך אויך געהן צו דער מאַמען.

יהודית

פאַרדעקט די אויגען מיט די הענט אין אַ שוידער גערהט דורך איהר לייב, און ווען זי עפענט אויף די אויגען שטעהט ניט נעבען איהר דאָס קינד, נאָר אַן אַלטע פרוי אין דרייען אײַנגעבויגען. דערזעהענדיג דער אַלטער שרייט זי אויס פאַר שרעק:

די אלטע

זינגט קינדיש.

טראַ־טאַ־טאַ, טראַ־טאַ־טאַ.... אַלץ איז איינס, אַלץ איז גלייך. אויפ'ן פנים ווערען קנייטשען; אין הארצען לייכט דער טאָג... טראַ־טאַ־טאַ, אַלץ איז איינס, אַלץ איז גלייך.

יהודית

אַ, וועה, וואו איז דאָס קינד?

די אלטע

דאָס בין איך געוועזן אַ קינד, איצטער בין איך אלט. געוועזן אַ קינד איצטער אלט. טראַ־טאַ־טאַ, אַלץ איז איינס, אַלץ איז גלייך.

יהודית

באַהאַלט איהר פנים פאַר שרעק און ווען זי עפענט ווידער אויף די אויגען איז שוין די אַלטע ניטאָ, נאָר אויף איהר אָרט דערזעהט זי אַ יונגע פרוי מיט זעהר אַ פאַרדאָרבענעם פנים, אין שמאַטעס איינגעוויקעלט.

די פרוי

לאַכט ציניש, רעדט פארביסען, קרימענדיג די נאָז.

טו אַ שמייכעל. סאיז דאָך דיינס אַ שוועסטער. הא, אַ שוועסטער פונקט ווי דו... פון לעבען גערהט אַ שלעכטער ריח... טפוי, הא, זיי זאָגען, אַז מיין לייב איז זיס, כע, טפוי — זיי זאָגען, אַז פון מיין לייב שמעקט מיט בלומען. כע, כ'וועל די שמאטעס אראָפּנעמען אנטקעגען דער זון, וועסטו שוועסטער באטראכטען מיין לייב. זעהסט, געהאט בריסט ווי דיינע פולע. האָבען זיי געגאָנט... הא זעהסט.

זי וויל אויפדעקען איהר לייב.

יהודית

שרייט אויס ניט מיט איהרע כחות פאַר שרעק און ווען זי עפענט

ווידער אויף די אויגען איז שוין נעבען איהר קיינער ניטאָ. בלאַס און צושראָקען וואַרט זי, וואָס וועט זיך ווידער באווייזען פאר איהר; טריט דערהערען זיך און —

ש מ ע ו ן

קומט אָן.

י ה ו ד י ת

רוקט זיך אין אַ ווינקעל צושראָקען און בלאַס.

איך האָב מורא.

ש מ ע ו ן

זעה ס'ארא גרויסער טאָג עס קומט!

י ה ו ד י ת

וואו בין איך? וואָס איז ארום געשעהן היינטיגער נאכט?

ש מ ע ו ן

כ'האָב דיך א גאַנצע נאכט געהיט און דו האָסט גאָר ניט געהערט מיינע טריט?

י ה ו ד י ת

קום נעהענטער.

ש מ ע ו ן

וואָס איז מיט דיר?

י ה ו ד י ת

זוכט אויף דרערד ארום שטיין.

ש מ ע ו ן

וואָס זוכסטו?

י ה ו ד י ת

כ'וויל דערקענען קינדערשע טריט.

ש מ ע ו ן

דיינע און מיינע טריט, דאָס אלץ.

י ה ו ד י ת

רייבט די אויגען.

וואו בין איך? וואָס איז מיט מיר געוועזן היינטיגע נאכט? צו חלום איך? צו בין איך וואך?

יהודית

ניין, ניין...

זי לויפט אוועק אין איין געלויף בארג ארויף.

שמעון

באגלייט איהרע טריט מיט א חילכיגען געלעכטער, אויפ'ן שטיין זיצענדיג. ס'ענטפערט דער ווידערקול.

ש מ ע ו ן

וועסט פיהרען דאָס לעבען ביי איין האנט און דעם מענשען ביי דער אנדערער האנט.

י ה ו ד י ת

וואָס וועט ווערען פון די פולע ברוסטען ?

ש מ ע ו ן

נאָך פולער און פולער וועלען זיי ווערען.

י ה ו ד י ת

וואָס וועסטו זיין צו מיר ?

ש מ ע ו ן

איך וועל זיין דער רעגען און דער טוי צו דער מוטער־ערד.

י ה ו ד י ת

פאר וואָס האָב איך דיינע טריט היינט ביינאכט ניט געהערט ?

ש מ ע ו ן

אזוי איז דאָך דיין פערלאַנג געווען.

י ה ו ד י ת

מיינע אויגען האָבען געזעהן די שעהנסטע וועלטען ווען זיי זיינען געווען אָפען און ווי נאָר כ'האָב זיי צוגעמאכט—אָ, סארא טרויער !

ש מ ע ו ן

כ'האָב מיט מיין פויסט אין יעדען בוים אָנגעקלאַפּט איז ער גע־ווען וואך ; כ'האָב צו יעדען פעלזענשטיין צוגעלעגט מיין ברוסט און געפיהלט ווי עס קלאַפּט זיין הארץ.

י ה ו ד י ת

נאָר צו מיין הארץ האָסטו זיך ניט צוגעהערט ווי ס'האָט גערופען : שמעון, שמעון...

ש מ ע ו ן

ס'טרעפט די מוטער־ערד גארט אַ מאָל נאָך רעגען און דער רעגען הענגט אין לופטען און ווארט אויף דער ריכטיגער שעה ; האָסט געזעהן, אונטערען הימעל הענגען וואָלקען און האַלטען דעם רע־גען אין זייער בוזים און ווארטען אויף דער ריכטיגער שעה.

יהודית

גיב מיר דיין קאָפּ, כ'וועל הערען וואָס פאַר ריח דאָס לעבען האָט... דיינע האָר... ביזט געלעגען אויפ'ן הוילען גראָז... דער ריח פון גראָז איז דער ריח פון דיינע האָר. און פון דיינע ברעמען ציהען זיך לויטערע שטראַהלען.

שמעון

האָסט מיך ביים נאָמען גערופען און איך האָב ניט געהערט.

יהודית

דיין נאָמען איז פון דיר אוועקגעפלויגען; ערגעץ אין הימעל איז געוועזען דיין נאָמען און האָסט ניט געהערט ווען איך האָב צו דיר גערופען.

שמעון

דער וואַסערפאַל דאָ ניט ווייט האָט מעהר ווי שטענדיג היינטיגע נאַכט גערוישט און דער טייך האָט אויך מעהר ווי שטענדיג צווי שען די שטיינער גערוישט היינטיגע נאַכט.

יהודית

יאַ, ס'האָט דער וואַסער־פאַל דיין נאָמען איבערגענומען און אַז כ'האָב גערופען: שמעון! האָט גאָר דער וואַסער־פאַל געענטפערט; און אַז כ'האָב גערופען: שמעון! האָט דער טייך געענטפערט אין זיינע ברעגעס.

שמעון

די זון וויל די טרערען פון דיינע אויגען אויסזויגען.

יהודית

אין דיינע באַקען רויטע פלעקען, האָסט אויך געוויינט היינט ביי־נאַכט.

שמעון

איך טראָג דיין נאָמען אין מיין הארצען און ס'איז דיין נאָמען וואָס קומט מיט מיין בלוט אין פּנים אריין.

יהודית

ווי זעהט איצט אויס דער שניי אויף די שפּיצען פון די בערג?

שמעון

גערענקסטו יעמאָלט ווען מ'האָט אונזער שיף אויפגעריסען; אַט יענעם טעמפּען גערויש אין דער טיף, אונטער אונזער שיף? יעמאָלט איז די וועלט אונטערגעגאַנגען מיט מיין היים אינאיינעם.

יהודית

דאַכט מיר, אז איך האָב אויך אזוי געפיהלט. אָבער מיין מאַמע, מיינע שוועסטער און ברידער.

שמעון

אָדער זיי לעבען, אָדער זיי זיינען אויסגעשטאָרבען; ווער פון הונגער, ווער..

יהודית

כ'האָב דיך פיינט ווען דו רעדסט אזוי

שפּרינגט אַראָפּ פון שטיין.

שמעון

כאַ — כאַ — כאַ!

יהודית

ווי קענסטו איצטער לאַכען אזוי הויך?

שמעון

הערסט, אימיצער לאַכט מיט; דער ווידערקול אהינטער די בערג, כאַ — כאַ — כאַ, הערסט?

יהודית

דאָס לאַכען שטיינער מיט פארשטיינערטע הערצער.

שמעון

פארוואָס האָסטו זיך ניט באַזעצט צווישען די שטיינער, ס'וואָלט דיין הארץ אויך אזוי געווען.

יהודית

איך וויל מיין הארץ זאָל זיין צאַרט.

שמעון

לאַך, וועסטו הערען ווי די שטיינער וועלען דיר ענטפערען. ס'איז דער מענש אַ ברודער צו די שטיינער — לאַך!

ש מ ע ו ן

קום אַ, קום מיט מיר !

י ה ו ד י ת

קוקט איהם אין די אויגען און רעדט שטיל.

יאָ, דו וואַרטסט אויף מיר... איך וועל אליין נאָך היינטיגען טאָג
מיט מיין פרייד זיך לאָזען... קוק ניט נאָך מתנע טרים.

טראָגט זיך אַוועק צווישען די שטיינער.

ש מ ע ו ן

באַהאַלט זיין קאָפּ אויפ'ן פּנים פון דער ערד.

ווען כוואַליעס שלאָגען

יהודית

כ'וועל אוועקגעהען אזוי שטיל דו זאָלסט גאָר ניט הערען.

שמעון

ווי קינדיש דו ביזט! ס'הערט דער מאַן פון ווייטען די טריט פון די פרוי; און וואָס שטילער איהרע טריט, אלץ שטארקער רוישט אין איהם זיין בלוט.

יהודית

דערצעהל ניט פון דעם.

שמעון

איך דערצעהל דיר פון דעם וואָס דו ווייסט אליין. דיר וועט זיין אומעטיג צו געהן אליין און טראַכטען אגאַנצען וועג פון א מאַן וואָס א הארץ פון א שטיין.

יהודית

ווי איז דיין נאָמען?

שמעון

שמעון איז מיין נאָמען.

יהודית

מיין נאָמען איז יהודית.

שמעון

וואָס האָסטו געטאָן? ס'וועט דיין נאָמען איצטער נעבען מיר שוין בלייבען; נעבען מיר אויפ'ן שטיין... א, געה נאָך ניט אוועק.

יהודית

קוק ניט וואו איך געה.

שמעון

וועסט מיר מאָרגען קומען אנטקעגען.

יהודית

ניין, ניין.

שמעון

וועסט אויף מיר ווארטען, ווי פריה איך זאָל ניט קומען.

י ה ו ד י ת

איך האָב די בלומען אויסגעשאָטען ביים שוועל. ס'איז נאָך פינס־טער געווען ווען איך האָב זיי געקליבען. זיי זיינען געשלאָפען באַדעקט מיט טוי ווען כ'האָב זיי אָפּגעריסען... זעה ווי דער טייך האָט זיך אָנגעצינדען, ער טראָגט מיט זיך אַוועק אַ שטיק פון פריה־מאָרגען. דאָס נעהמט ער ביי אונז אונזער טאָג צו.

ש מ ע ו ן

פאַר איהם שיינט דער טאָג באַזונדער.

ש מ ע ו ן

יאַ, פאַר איהם שיינט דער טאָג אַזוי שעהן ווי פאַר אונז.

ש מ ע ו ן

לאָמיר געהן פון דאַנען.

י ה ו ד י ת

וואוהין ?

ש מ ע ו ן

העכער לאָמיר זיך ארויפקלייבען. איך וועל מאַכען צייכענס דו זאָלסט דערקענען דעם וועג וואָס פיהרט צו מיר.

י ה ו ד י ת

האָסט אפילו אין מיין היים ניט אריינגעקוקט און שוין ווילסטו איך זאָל מיט דיר געהן.

ש מ ע ו ן

דיין היים איז די גאַנצע געגענד.

י ה ו ד י ת

אָבער זעה.

ש מ ע ו ן

וואָס קען איך דאָרט זעהן ? ענגע לייווענטענע ווענט. כאָטש לייוועגט אָבער דאָך ווענט.

י ה ו ד י ת

מיין בעט איז פאַרבעט.

י ה ו ד י ת

יא דיינע טריט. אזוי טיעף און זיכער יעדער טראַט איינגעקריצט אין דער ערד. און ליכטיג איז יעדער טריט געווען.

ש מ ע ו ן

הערסט דעם וואסער־פאל ?

י ה ו ד י ת

דאָס זינגט מיין הארץ.

ש מ ע ו ן

נעכטען ביסטו אנטלאָפען פון מיר.

י ה ו ד י ת

איך בין געלאָפען אָנצופילען מיין הארץ מיט ליכטיגע געזאנגען.

ש מ ע ו ן

מיך האָסטו ביים ליכטיגען קוואל ניט געוואָלט האָבען.

י ה ו ד י ת

נעכטען האָב איך נאָך מורא געהאַט.

ש מ ע ו ן

און איצטער ?

י ה ו ד י ת

איצטער האָט זיך מיין פחד פערוואנדעלט אין פרייד. נעהם מיך אויף דיינע שטאַרקע הענט, טראָג מיך ארום זיעבען מאָל ארום דיין היים און זינג מיר א ליעד פון פרייד, פון ליכטיגקייט.

ש מ ע ו ן

נעהמט זי אויף זיינע הענט און זינגט פון א ברייטער שטאַרקער ברוסט :

פרייד, מיין פרייד,
מיין גרויסע פרייד
האָ יא — האָ יא מיין זון און וועלט
האָ יא—האָ יא מיין רוהגעצעלט.

י ה ו ד י ת

זינגט נאָך.

הָא יא — הָא יא מיין זון און וועלט
הָא יא — הָא יא מיין רוהגעצעלט.

ש מ ע ו ן

דעם ריח פון טייך האָסטו מיט זיך געבראַכט.

י ה ו ד י ת

שטראַהלען פון דער זון וויקלען דיך ארום.

ש מ ע ו ן

פון דיין בלוט וועלען די שטערען ארויסקומען, אין די הימלען זיך איינפאַסען און ווי זונען הייסע וועלען זיי שיינען.

י ה ו ד י ת

דיינע אָרעמס זיינען ווי שטאָבעס שטאָל, אָדער ווי די פעסטע בוי-מערם וואָרצלען וואָס שפּאַלטען דורך די שטיינער.

ש מ ע ו ן

דו ביסט גרינג ווי דער ליכטיגער טאָג ווען ער לעגט זיך באַגינען אויף מיין אַקסעל.

י ה ו ד י ת

דו ביסט שטאַרקער ווי דער פעלז, וואָס טראָגט דעם שניי אויף זיינע פּלייצעס.

ש מ ע ו ן

דו ביסט לויטער און בויגיג ווי דער טייך וואָס שטראָמט אין דער טיף אויף זיין וועג צום ים.

טראָגט זי אַרום זיין ביידעל, זינגט.

מזרח, מערב
צפון, דרום
הָא יא — הָא יא כ׳קום צונ׳אייך
הָא יא — מיט מיין קיניגרייך.

י ה ו ד י ת

הָא יא — הָא יא כ׳קום צונ׳אייך
הָא יא — מיט מיין קיניגרייך.

ש מ ע ו ן

מיט ווילדע דערנער באוואקסען, איינגעוויקעלט אין טרויער.

י ה ו ד י ת

איז דאָרט די זון ניט אויפגעגאנגען ?

ש מ ע ו ן

ניט געוועזן פאר וועמען. די זון שיינט נאָר פאר די וואָס ווארטען אויף איהר אויפגאנג.

י ה ו ד י ת

אזוי טרויעריג...

ש מ ע ו ן

ווילסט איך זאָל זיין דיין קינד און דו וועסט זיין א מאמע וואָס וועט מיט טרערען וואשען מיינע באקען.

י ה ו ד י ת

מאך אזוי, איך זאָל שטארבען און געבוירען ווערען אויפסניי נאָר אָן אנדערע.

ש מ ע ו ן

נאָך נעכטען איז עס געשעהן. ווען דו ביזט געלאָפען בארג אראָפּ בארג ארויף אנטלויפענדיג פון מיר, דו ביסט געלאָפען פון דיין אַלטער טרויעריגער וועלט.

י ה ו ד י ת

ס'איז שעהן.

ש מ ע ו ן

ס'איז מיין שיף צובראָכען געוואָרען ; ס'איז דיין שיף צובראָכען געוואָרען, אָבער די ערד האָט זיך ארויסגעהויבען און אויף איהרע אָרעמס אונז ביידען ארויפגענומען.

י ה ו ד י ת

ס'איז שעהן.

ש מ ע ו ן

זעהסט דעם פעלז דאָרט ווי ער קוקט ארוים פון צווישען די זוניגע

אַביידעל אין טאָל ביים ברעג טייך. פון ווייטען זעהט
מען אַרויס פישער־הייזלאך. נעבען די הייזלאך טריקע־
נען זיך נעצען. סאיז נאָך גאַנץ פריה. דער הימעל אין
מזרח הויבט זיך אָן צו רויטלען.

יהודית

קומט אָן געשווינד פון צווישען די בוימער איינגעוויקעלט אין אַ
לייכטער טוך. קוקט זיך אַרום אויפגערעגט. קוקט אַ ווײַלע פאַרטראַכ־
טערהייד צום מזרח־הימעל. נעמט אַרויס פון אונטער דער טוך פעלד־
בלומען און שיט זיי אויס פאַר'ן שוועל פון ביידעל. באַטראַכט אַ ווײַלע
איהר אַרבייט און אַזוי קוקענדיג צום מזרח־הימעל, געהט זי אַריין אין
ביידעל.

שמעון

קומט אָן גאַנץ פאַרזיכטיג פון צווישען די פעלזען און לאָזט זיך
אַראָפּ נידעריגער צום ביידעל צו. באַמערקט די בלומען ביים שוועל.
הויבט אויף פון דער ערד אַ צוויי בלומען און שמעקט זיי. נייגט זיין
קאָפּ צום טיר און רופט.

יהודית

עפענט עטוואָס די טיר און מאַכט זי שנעל צוריק.

שמעון

די זון געהט אויף.

יהודית

פון טיר.

איך האָב געבעטען זאָלסט ניט נאָכקוקען מײַנע טרים.

שמעון

ס'האַרץ האָט מיך גלייך געפיהרט.

א זון אויף זיין קאָפּ, מיטביידע הענט דער זון איבער'ן קאָפּ האַל־טענדיג.

י ה ו ד י ת

איך זעה, זיי קומען נאָהענטער איינער צום אַנדערען.

ש מ ע ו ן

איך זעה ווי זיי שטעלען זיך אויס אין שורות.

י ה ו ד י ת

זיי ריהרען זיך אָן ליב צו לייב.

ש מ ע ו ן

איך זעה ווי די זונען רייסען זיך פון זייערע הענט.

י ה ו ד י ת

איך זעה ווי די בוימער רייסען זיך ארויס און געהען זיי נאָך.

ש מ ע ו ן

איך זעה ווי די פעלזען ריהרען זיך פון די ערטער און געהען זיי נאָך.

י ה ו ד י ת

איך הער ווי די ערד וויגט זיך אונטער אונז.

ש מ ע ו ן

כ'וועל פון דיינע ליפּען אַלע ברכות פון דער וועלט אויסזויגען און וועל געהן דער גרויסער וועלט בענשען.

י ה ו ד י ת

און פון דיינע ליפּען וועל איך טויטענט ליכטיגע לעבענס אויסזויגען און וועל מיט זיי זיך לאָזען איבער ווייטע אומבאַקאַנטע וועגען.

ש מ ע ו ן

ש—ש—ש, לאָמיר הערען.

י ה ו ד י ת

וואָס הערסטו ?

ש מ ע ו ן

דער וואסער־פאל דערנעהענטערט זיך צו אונז.

י ה ו ד י ת

איך הער אויך.

ש מ ע ו ן

ער וויל ווערען דיין ברודער.

י ה ו ד י ת

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט געהערט וואָס דו האָסט גע-זאָגט.

ש מ ע ו ן

ער האָט דיך דערזעהען אויף מיינע הענט און איז געבליבען שטעהן שטיל פאַרוואונדערט פאַר דיין שענקייט.

י ה ו ד י ת

ס'איז ניט דער וואסער־פאַל — ס'איז בלוט גאָר וואָס רוישט אין דיינע אָדערען.

ש מ ע ו ן

דאָס רוישט אונזער ליעבען אזוי לויטער.

י ה ו ד י ת

דאָס רוישט דאָס בלוט ווען ס'גיסט זיך איבער פון דיין הארצען אין מיין הארצען אריין.

ש מ ע ו ן

די בערג הויבען זיך ארויס צו זעהען דעם לעצטען אויגענבליק פון דער זון.

י ה ו ד י ת

זיי רייסען דורך דעם הימעל מיט זייערע שפּיצען.

ש מ ע ו ן

קום לאָמיר דער זון אומקערען צוריק.

י ה ו ד י ת

איך וויל חלום'ען.

ש מ ע ו ן

איך וועל דער נאכט אונזער ליעבע אויסבאָרגען וועט די נאכט אין טאָג ווערען פערוואנדעלט.

הארץ קלאפּט, נאריש קינד? לאָמיר זיך זעצען ביים שוועל און קוקען לאנג צו מזרח זייט. אונזער טאָג ווערט איצט געבוירען!

יהודית

לאָז אָפּ מיין האנט. לאָז מיך פריי...

שמעון

דו האָלסט מיין האנט.

יהודית

זעה דעם צייכען פון דיינע פינגער אויף מיין האנט.

שמעון

ס'ווערט די וועלט פול מיט פרייד ווי ס'הארץ פון א מוטער ווען איהר קינד איז אויף דער וועלט געקומען.

יהודית

די זון!

שמעון

הא—הא, די זון!

שווייגען ביידע קוקענדיג צום זונענאויפגאנג.

יהודית

אָ, ווי די טרערען קומען שוין ווידער אָן.

שמעון

פאראן טרערען וואס זיינען ווי דער טוי פון פריהמאָרגען.

יהודית

די וועלט איז אזוי גרויס און כ'קען זי ניט ארומנעהמען.

שמעון

אין הארצען איז גענוג פּלאַץ פאראן פאר דער וועלט מיט אלע איהרע גרויסקייטען.

יהודית

נעהמט ארום זיין קאָפּ מיט צאַרטליכקייט.

גוט האָסטו געטהאָן וואס דו ביזט געקומען אהער.

שמעון

דו האָסט געווארט אויף מיר.

הָא יאַ—הָא יאַ וואסער־פאל.
הָא יאַ—הָא יאַ לעבענס קוואַל.

די נאַכט קומט אַראָפּ נידעריגער, דער גערויש פון נאָהענטען וואַסער־פאַל ווערט שטאַרקער. פון צייט צו צייט ברענגט דער ווינט צוטראָגען דעם ווייטען געמורמעל פון טייך וואָס האָט ערגעץ אין דער טיף זיין וועג צווישען פעלזען.

אַ פרילינג נאַכט

צוליעב דעם פייער וואָס ברענט נעבען שטיינער מיט בוימער אַרומגערינגעלט קוקט די נאַכט נאָך טיעפער אויס. שווער צו זעהן וואָס עס טוט זיך אין דער געגענד ארום. פון צייט צו צייט דערטראָגט זיך אַ קלאַפּען פון פליגעל: פויגעל פליהען איבער פון בוים צו בוים. אַ גערויש פון נאָהענטע טריט. י ה ו ד י ת און ש מ ע ו ן קומען ארוים פון דער נאַכט, דערנעהענטערען זיך צום פייער.

ש מ ע ו ן

אונזער פייער איז ליכטיג.

י ה ו ד י ת

אונזער פייער וועט נאָך לאַנג ברענען.

ש מ ע ו ן

אונזער פייער וועט זיך קיין מאָל ניט אויסלעשען.

י ה ו ד י ת

דער שיין באלייכט איהר פנים.

ש מ ע ו ן

ס'וויל די נאַכט זיך דערנעהענטערען און קושען דיינע באַקען, טרייבען זי די פלאַמען אוועק.

י ה ו ד י ת

אַט אזוי לאָזט זיך אַראָפּ דער שלאָף אויף מיינע אויגען. אַט אזוי וועל איך מיר אנטקעגען פייער אַנידערלעגען.

ש מ ע ו ן

כ'וועל מיין האַנט אונטערלעגען דיר צוקאָפּענס.

י ה ו ד י ת

לעג דיין האַנט אויף מיינע אויגען, וועל איך זעהן אַ זיסען חלום.

ש מ ע ו ן

די נאַכט האָט דעם אָטעם איינגעהאַלטען ניט צו שטערען דיר דיין רוה.

י ה ו ד י ת

איך הער דיינע רייד ווי זיי קלינגען אזש אין מיין בלוט.

ש מ ע ו ן

שלאָף, שלאָף מיין ליכטיגע וועלט.

י ה ו ד י ת

אונטער מיין הארצען שטראהלט א ווארעמקייט גלייך ווי די זון וואָלט אויפגעהען אונטער מיין הארצען.

ש מ ע ו ן

אז דו רעדסט אזוי הער איך, אימיצער לאכט פאר פרייד ערגעץ אין עק וועלט.

י ה ו ד י ת

לעג דיין קאָפּ צו מיר נעהענטער.

ש מ ע ו ן

איצטער ביסטו גרוים ווי די מוטער־ערד, וואָס טראָגט ים'ען, טיי־כען, פעלדער, וועלדער אויף איהר ברוסט.

י ה ו ד י ת

דו האָסט אָנגעצונדען דעם פייער אין מוטער ערד.

ש מ ע ו ן

טאָג און נאכט, טאָג און נאכט וועל איך וואכען איבער איהם.

י ה ו ד י ת

און די טרויעריגע חלומות ?

ש מ ע ו ן

כ'וועל פארצאמען פאר זיי דעם וועג. אונזערביידענס חלום וועט איינער זיין.

י ה ו ד י ת

לאַכט אין דער שטיל.

ש מ ע ו ן

ווער לאכט עס ?

י ה ו ד י ת

עס לאכט די זון אונטער מיין הארצען.

ש מ ע ו ן

עפען נאָך איין מאָל דיינע אויגען, כ'וויל זעהען וואָס עס קומט פאָר אַרום אין דער נאַכט.

י ה ו ד י ת

ס'האָט דער זיסער שלאָף אויף די ברעמען באַלזאַם מיר באַשמירט און גלעט מיר מיינע ברעמען... און גלעט מיר מייגע ברעמען.

ש מ ע ו ן

רעדט אויך מעהר ווי פון שלאָף.

איך בין וואַך; מיין האַרץ איז וואַך... אַוועק, אַוועק טרויער, גרויער פון מיין שוועל, פון מיין טיר... כ'האָב דער זון געבעטן אַ בעט און אַ האַרץ ביי איהר צוקאָפּענס.

י ה ו ד י ת

שעפּטשעט פון שלאָף.

איך הער זיי קומען... איך זעה זיי קומען.

ש מ ע ו ן

שלאָף איין, שלאָף איין, וועלט און האַרץ, שלאָף איין, שלאָף איין.

זעהט אויס ביידע זיינען איינגעשלאָפען טוליענדיג זיך איינער צום אַנדערען. דאָס פייער צופלאַקערט זיך העלער און טרייבט די שאָטענס אַוועק אַן אַ זייט.

האַנט אין האַנט, אין אַ שורה קומען אַרויס די טענצערינס און שליסען זיך אין א רינג, טאַנצען אַרום פייער אַרויפגעהמענדיג די שלאָף־פעלדיגע אין רינג אריין. בויגען זיך אַראָפּ, לאַכען זיך הילכיג פאַר־נאַנדער. דער רינג ווערט צושאָטען און יעדע פאַרשווינדט אין אַן אַנדער זייט.

י ה ו ד י ת

הויבט אויף דעם קאָפּ, קושט איהם אויפ'ן שטערען. שטיל.

פון דער נאַכט אַרויס קומען די אייגענע צוויי קינדערלאַך, זעצען זיך ביים פייער און פאַרבינדען צווישען זיך אַ שמועס.

ע ר ש ט ע ק י נ ד

ס'איז מיין מאַמע געקומען פון הימעל און געבראַכט פאַר מיר אַ קראַנץ פון שטערען און געזאָגט אַזוי: געה זוך דיין שוועסטער וואָס

וואוינט מיט איהר גליק און טו עם איהר אָן אויפ'ן האלז.

צווייטע קינד

מיין שוועסטער איז געקומען פון דער לבנה מיט א ליכטיגען שלייער אויפ'ן קאָפּ, האָט זי דעם שלייער אראָפּגענומען פון קאָפּ און געזאָגט צו מיר אזוי: טראָג דעם שלייער צו דיין שוועסטער וואָס האָט זיך פארקנסט צו פרייד.

ערשטע קינד

איך וועל זיין איהר חלום.

צווייטע קינד

לאָמיר ביידע זיין איהר חלום.

ערשטע קינד

לאָמיר ביידע זיין איהר חלום.

גרינג ווי אויף א פליגעל טראָגען זיי זיך אוועק אין דער נאכט ארייז.

שמעון

ווי פון שלאָף.

בוימער, פעלזען, נאָהענטער קומט צו אונזער בעט, נאָהענטער קומט באוואכט אונזער ליעבעס-בעט. ווער רופט? דאָס רופט מיין פרייד, זי ווארט אויפ'ן הויכען בוים. נאָהענטער, נאָהענטער, קום מיין פרייד...

קושט איהר קאָפּ.

דער ריח פון דער ערד און פריהלינג איז דער ריח פון דיין לייב. דער געררויש פון זאטען קאָרענפעלד איז דאָס רוישען פון דיין בלוט.

זיין קאָפּ בלייבט אויף איהר ברוסט. אז דער פייער צופלאַקערט זיך באלייכט ער פון ווייטען צוויי ריזען ווי צוויי בוימער וואָס בייגען זיך אפיר צום פייער, בויגען זיך פאמעלאך צו דער זייט פון די שלאָפענדיגע.

ערשטער

הוא הא — די ערד ווערט ווארעמער און גראָזען קומען ארוים נעבען מיינע פיס. הוא—הא, ווינטען פון מזרח זייט און ווינטען פון דרום זייט בלאָזען און גלעטען און ברענגען א פריהלינג.

צוויי־טער

כאַ, כאַ, עס ריהרען זיך די וואָרצלען און בויערען דעם שטיין,
כאַ, כאַ, א עס שפּאַלט זיך דער שטיין.

ערשטער

די גראָזען, זיי האָבען שוין באַדעקט מיינע טריט און זיי קריכען
אַלץ העכער און העכער.

צוויי־טער

איך ווער יונגער, כאַ, כאַ, וואָרעמער ווערען מיינע טריט.

ווערען פאַרשוואונדען צווישען די שאָטענס פון דער נאַכט.

יהודית

ווער דערלאַנגט עס מיר א האנט ?... איך קען מיין האנט איצט
ניט צונעמען פון מיין געליעבטענ׳ס קאָפּ וואָס וועקט דעם פייער
אין מיין ברוסט. ער שלאָפט און זיין אָטעם וויגען די כוואַליעס
אין מיין בלוט... שלאָף, שלאָף מיין לעבען, ס׳איז מיין האַרץ אי־
בער דיר אויף דער וואך...

שלאָפט איין.

ווען א ווינטעל נייגט אָפּ דעם פייער אן אַ זייט, דעקט זיך אויף
פון אונטער דער נאַכט אַ שטיין און אויפ׳ן שטיין זיצען צוויי מענער־
געשטאַלטען. צווייגען פון בוימער הענגען אריבער, זיי רעדען צווישען
זיך מיט אזא זינגענדיגער שטימע.

ערשטער

ס׳איז מיין נאָפּעל צוגעבונדען צו דער ערד בין איך מיר איהר קינד.
וואָס פעלט די קינדער פון דער ערד ?

צוויי־טער

ס׳בלאָזט דער ווינט מיר אין די האָר. כ׳וויל זיך מיט איהם לאָזען
וואַנדערען.

ערשטער

ס׳קען דער ווינט מיך ניט פאַרנאַרען מיין נאָפּעל איז צו דער ערד
געבונדען.

ווערען פאַרהוילען אין דער נאַכט.

י ה ו ד י ת

ס'איז מיין געליעבטער איינגעשלאָפען, וואַרט איך ביז ער וועט ווערען וואַך; ס'איז מיין געליעבטער איינגעשלאָפען אין די אָרעמס פון דער נאַכט.

ש מ ע ו ן

ס'איז מיין געליעבטע וואַך געוועזען מיט די קינדער פון דער נאַכט און זי שפּילט זיך מיט איהר פריהלינג אויף איהר פריהמאָרגען וואַרטענדיג.

י ה ו ד י ת

די בוימער האָבען זיך צו אונז דערנעהענטערט.

ש מ ע ו ן

זיי ציהען זיך צו אונז מיט זייערע צווייגען.

י ה ו ד י ת

אפשר זעה איך נאָר א חלום...

ש מ ע ו ן

אונזער חלום וועט פון אונז קיין מאָל ניט פאַרשווינדען.

י ה ו ד י ת

אַט אזוי זויג איך דעם ריח פון מיין פריהלינג.

ש מ ע ו ן

אַט אזוי שלאָגען די כוואַליעס פון מיין לעבען.

שפּיל. די צוויי קינדערלאַך באַווייזען זיך ווידער, פיהרען זיך ביי די הענטעלאַך און פאַרפיהרען אַ שמועס צווישען זיך.

ע ר ש ט ע ק י נ ד

מיין מאַמע איז געקומען צוריק פון הימעל און מיך גענומען אויפ'ן האַנט און געקושט מיינע באַקען. און געלאַכט און געוויינט און געזאָגט: צוליעב דיר מיין קינד בין איך געקומען צוריק פון הימעל.

צ ו ו י י ט ע ק י נ ד

ס'איז מיין שוועסטערל געקומען צוריק פון הימעל האָט איהר פּנים ליכטיג, ליכטיג אזוי געלויכטען...

ס'קומען אָן מיט געזאַנג די שורה טענצעריגנס, האַלטען זיך אין אַ געשלאָסענער קרייז.

ע ר ש ט ע

זינגט.

וועלטען, וועלטען
ווערט געבוירען
האָ יאַ — האָ יאַ פרייד מיין פרייד

א ל ע

האָ יאַ—האָ יאַ נאַכט און טאָג
טאַנצעןביידע מיט אונזער פרייד

נעהמען זיך אין קאַראַהאַד, די צוויי קינדערלאַך אין מיטען טאַנ־צען אַרום פייער זינגענדיג: „האָ יאַ — האָ יאַ, נאַכט און טאָג טאַנצען ביידע מיט אונזער פרייד"... ווערען פאַרשוואונדען אין דער נאַכט.

י ה ו ד י ת

עס זינגט מיין האַרץ. עס זינגט מיין בלוט. עס זינגט די נאַכט מיט מיר אינאיינעם.

ש מ ע ו ן

ס'וויל די נאַכט ניט שיידען זיך מיט מיין געליעבטער'ס ליעבעס־בעט.

י ה ו ד י ת

ס'וויל מיין בלוט ניט שוויינען שטיל ביי מיין לעבענס־קוואַל.

ש מ ע ו ן

נאַכט אַ נאַכט שלאָף איין! ס'איז מיין ליעבע וואַך און טריי...

י ה ו ד י ת

ס'האָט מיין לייב שוין איינגעזאַפט די טויען פון דער נאַכט.

ש מ ע ו ן

ס'איז דיין לייב צום הימעל גלייך אין מזרח ווען די זון געהט אויף.

י ה ו ד י ת

ס'לאַכט מיין פרייד פאַר איינענער פרייד... איך בין נאָך וואַך מיין האַרץ איז וואַך.

דאָס פייער צופלאַקערט זיך און דעקט ווידער אויף די צוויי ריי־זענבוימער.

ע ר ש ט ע ר

כאַ, כאַ, כאַ — איך בין מיט בלעטער ווידער שווער ווי אין מיטען זומער.

צ ו ו י י ט ע ר

ס׳וועט די זון זיך וואונדערען אַז די ערד איז ווידער גרין געוואָרען.

י ה ו ד י ת

אזוי האָב איך ווידער מיין לעבען אָנגעהויבען.

ש מ ע ו ן

אזוי וועט אייביג זיין דאָס לעבען.

י ה ו ד י ת

אזוי וועלען טאָג און נאַכט וועבען אונזער חלום.

ש מ ע ו ן

אזוי וועט אייביג לעבען אונזער חלום.

שטיל. איז מזרח פאַרנעמט זיך אויף שוין טאָג און אַ ליכטיגער פליגעל פאַכט איבער דער געגענד און די שאָטענס פון דער נאַכט ווערען בלאַסער און העלער. פון וויטען דערטראָגט זיך אַ גערויש פון אַ וויי־טען וואַסער־פאַל.

ענדע.